בס"ד

# קריסטל נאכט פון בארא פארק

## דער שווארצער פרייטיג

## פ' תולדות ער"ח כסלו תשמ"ח לפ"ק.

בחצות הלילה זענען באפאלן בריאנעס מיט בערד און פיאות פארשטעלט מיט ווייסע היטען ווי די מלאכי חבלה, און האבן מחלל געווען צענדליקער שולן אין בארא פארק **באו בה פריצים וחיללוה** פארשמוצט פון אויסעווייניג און פון אינעווייניג, מחלל געווען ארון קודש'ן, צוריסן פרוכת'ן, צוריסן ספרי קודש, און שאדן געמאכט שולן מיט צענדליקער טויזענטער דאלארן, (וואס זייט די נאצים ימ"ש האט דאס נאכנישט קיין שום אומה ולשון נישט געטון), מיט די גרעסטע בזיונות, אזוי ווי עס האבן דאס געטון די שטורם טרופע אין 939' באווארסט אלץ די קריסטל נאכט.

אידן מאמינים בה' וועקט זיך אויף און דערציטערט פון דעם חילול בתי מדרשים ומקדשי מעט פון בארא פארק, זאלען זיך צוזאמענקומען אלע גדולי ישראל און זאלען באשליסן צו מאכן

## א יום תענית וזעקה

און אויסשליסן די פריצים ובריונים חברים פון טיטוס און עמלק פון כלל ישראל.

עס איז די פליכטן פון יעדן איד מוחה צו זיין על חילול כבוד שמו ית' וחילול תורתינו הק', ואלקי אבותינו ישמע שוועתינו, ויתקיים בנו יושעו לעין כל ואל ימשלו בם רשעים. ונזכה לגאולה שלימה, ותרוממנה קרנות צדיקים וכל המשתתפים והעוסקים לביטול הטומאה יתברכו בברכת ברוך אשר יקום ויזכה לראות בבנין ציון וירושלים בקדושתה וטהרתה בביאת גואל צדק בב"א.

החותמים בכאב לב

## העדה החרדית דבארא פארק

נא להדביק על כותלי ביהמ"ד